אויף תיכף ארויסצוגעבן: 6/3/2024 גאווערנער קעטי האקול

## גאווערנאר האקול רופט אויס א סטעיט פאליציי קאמף קעגן פארן שנעל

### *"שנעל פארן וואך" אינפארסירונג קאמפיין לויפט פון יוני 3 ביז יוני 9*

### *פארן שנעל איז די הויפט אורזאך פון פאטאלע קראכן אין ניו יארק סטעיט יעדעס יאר*

### *פאליציי וועלן ווייטער פארזעצן צו פאטראלירן ארבעט זאנעס און צילן פארלעצער פון די 'רוק זיך אוועק געזעץ'*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די ניו יארק סטעיט פאליציי וועט צילן די דרייווערס וועלכע פארן שנעל און אגרעסיוו דורכאויס א ספּציעלע וואך לאנגע טראפיק אינפארסירונג קאמפיין. דער היי יעריגע "שנעל פארן וואך" אינפארסירונגען הייבן זיך אן מאנטאג, יוני 3, 2024, און לויפט ביז זונטאג, יוני 9, 2024. אלץ א חלק פון דעם אינפארסירונג באמיאונג, וועלן סטעיט פאליציי ארויסלייגן מער פאטראלן און וועלן פארזעצן כסדר צו האלטן אן אויג אויף די הייוועי ארבעט זאנעס און וועלן צילן דרייווער וועלכע פארלעצן ניו יארק'ס "רוק זיך אוועק" געזעץ.

"פארן שנעל און אומ'אחריות'דיג לייגט יעדעם אויפן ראוד אונטער ריזיקע און איז נאך אלץ די הויפט אורזאך פון פאטאלע קראכן אין ניו יארק סעטעיט יעדעס יאר", **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "ביטע טוט אייער חלק - מאך זיכערהייט די הויפט פריאריטעט, פאלג אויס די גיכקייט באגרעניצונגען, לייג אראפ דיין טעלעפן ביים דרייוון, און רוק זיך אוועק ביים זען עמוירדזשענסי און הייוועי ארבעטער ביים זייט פון די ראוד."

**סטיעט פאליציי סופעראינטענדענט סטיווען דזש. דזשעימס האט געזאגט,** "די ציל פון דעם קאמפיין און פון אונזער גאנץ יעריגע טראפיק אינפארסירונג באמיאונגען איז צו רעדוצירן קראכן וואס קומט פון פארן שנעל און צו פארבעסערן די זיכערהייט פון די רייזעס פאר דרייווערס און פאסאנדזשירן אויף די ניו יארקער ראודס. סטעיט פאליציי וועלן זיין שטארק זעהבאר דורכאויס דעם טראפיק אינפארסירונג צייט און דורכאויס די הויכפונקט פון די זומער דרייוון פעריאד, צילנדיג די וועלכע דרייוון אומ'אחריות'דיג און לייגן אנדערע אין א סכנה."

פארן שנעלער ווי ערלויבט איז אויסגערעכנט אלץ א צוגאבליכע אורזאך אין כמעט א דריטל פון אלע פאטאלע קראכן אין ניו יארק סטעיט. לויט די אינסטיטוציע פאר טראפיק זיכערהייטס מענעדזשמענט און פארשונג (Institute for Traffic Safety Management and Research, ITSMR) ביי די אוניווערזיטעט פון אַלבאַני , זענען 345 מענטשן אומגעקומען און 11,963 זענען פארוואונדעט געווארן אין ניו יארק סטעיט אין קראכן בשייכות מיט פארן צו שנעל אין 2022.

אין פארלויף פונעם "שנעל פארן וואך" אינפארסירונג פעריאד, וועלן טרופערס נוצן סיי אנגעצייכנטע סטעיט פאליציי וויהיקלס און באהאלטענע אידענטיטעט טרעפיק ענפארסמענט (Concealed Identity Traffic Enforcement, CITE) וויהיקלס אלס א טייל פון דעם אפעראציע. די CITE וויהיקלס וועלן ערמעגליכן פאר טרופערס גרינגער צו אידענטיפיצירן מאטאריסטן וועלכע פארלעצן געזעצן בשעת'ן דרייוון. די וויהיקלס מישן זיך אויס מיט די טאג טעגליכע טרעפיק, אבער ווערן דערקענט אלס עמערדזשענסי וויהיקלס ווען די עמערדזשענסי ליכט ארבעט.

**שנעל פארן ביי אלע סארט קארס, אזוי אויך אלע אנדערע טראפיק פארלעצונגען, וועלן גאר שטרענג אינפארסירט ווערן דורכאויס די וואך און צוגאב צו די נארמאלע גאנץ יעריגע אינפארסירונג.** די פאליציאנטן וועלן אויך נאכקוקן איבער אנדערע טראפיק פארלעצונגען, ארייננגערעכנט פאר'חלומ'טע אדער אומפאסיגע דרייווערס, קאר רייזענדע וועלכע זענען נישט ריכטיג צוגעבינדן, און דרייווער וועלכע פארלעצן ניו יארק'ס רוק זיך אוועק געזעץ.

דורכאויס דעם יוני 2023 שנעל פארן קאמפיין, האבן סטעיט פאליציאנטן אויסגעטיילט 20,952 בסך הכל טראפיק טיקעטס, ארייננגערעכנט 10,478 פארן פארן צו שנעל, 516 פאר'ן דרייוון פאר'חלומ'ט, 375 פאר'ן פאלעצן די רוק זיך אוועק געזעט, און ארעסטירט 172 מענטשן פאר דרייוון שיכור און אומפאסיג.

געפונענע ווערן שולדיג אין פאָרן צו שנעלן אין ניו יארק קען האבן שטראפן פון $45 ביז 10 מייל העכער די גיכקייט באגרעניצונג און ביז $600 פאר איבערגיין דעם גיכקייט באגרעניצונג מיט מער פון 30 מייל פער שעה.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן